STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07900

BLETER OYFN VINT

Yehiel Yeshaia Trunk

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. טרונק

בלעטער אויפן ווינט

לידער

אַרויסגעגעבן פון
יהואש ברענטש 521 אַרבעטער רינג,
ניו יאָרק, 1944

Copyright 1944
by
J. J. TRUNK

יוטה׳ן מיין האַרציקע בת־יחידה.

ימים שיידן אונז פאַנאַנדער —
בענקשאַפט פאַראייניקט אונז.

לידער האָב איך אָנגעהויבן שרייבן נאָכדעם ווי איך בין אַלט געוואָרן פופציק יאָר. עס זענען, אַזוי צו זאָגן, געזאַנגען פון דער עלטער. דער בעסטער באַווייז אַז איך האַלט לידער שרייבן נישט פאַר מיין אייגנטלעכן שריפטשטעלערישן באַרוף און איך פיל מיך נאָר ווי אַ גאַסט אין די געמעכער פון דער מוזע. מעגלעך, אַז איך האָב געהאַט אַ באַדערפעניש צו זאָגן אין פערז דאָס, וואָס כ'האָב פאַרשוויגן אין דער פראָזע. פערז איז די פאָרם פון דער אינטימסטער פאַרשוויגנקייט: דער ריטמוס פון דעם גאָר באַהאַלטענעם אין דער נשמה.

איטלעכעס ליד וואָס כ'האָב אָנגעשריבן האָב איך געמיינט אַז עס איז דאָס לעצטע. לידער טויכן אויף ווי וויטע ליכטער וואָס ווינקען אין דער פינצטערניש און מיר ווייסן נישט פון וואַנען זיי קומען, און ווען זיי קומען און וואָס זיי זענען מיט אונז אויסן. לידער זענען ווי די בשורה־טויבן פון דערקענטעניש־ פאַר וועלכע מיר האָבן די ווייניקסטע ווערטער.

איך האָב די דאָזיקע קליינע זאַמלונג אָנגערופן „בלעטער אויפן ווינט" און איך גלויב אַז דערמיט האָב איך צום ריכ־ טיקסטן אויסגעדרוקט וואָס איך טראַכט אַליין וועגן זיי.

איך וויל אויסדריקן מיין דאַנק דעם „יהואש־ברענטש 521 אַרבעטער־רינג" וואָס זיי האָבן זיך באַמיט דאָס דאָזיקע ביכל אַרויסצוגעבן — און גאָר באַזונדער וויל איך דאַנקען מיין טייערן פריינט און חבר ש. סלוצקי פאַר זיינע וואַרימע געפילן צו מיר זינט איך בין אין אַמעריקע און פאַר זיין פריינטשאַפטלעכע מי ביים סדרן און אַרויסגעבן דאָס ביכל.

י. י. טרונק

ניו־יאָרק, מערץ, 1944.

געזאַנג צו די מוזעס

ס'האָט זיך אויסגעלאָשן די וועלט. די זון — אַ צאַנקענדיקע לאָמפּ
האָט אויפגעהערט צו ברענען.
פון די הימלען איז דער טאָג אַנטלאָפן.
פינצטער איז דער וועג. איך האָב נישט מער צו האָפן.
אָפּגרונטן און סופן.
בין געבליבן אַליין מיט מיין אייגענעם דערקענען.

דערקענען איז אויך אַ וועלט מיט טעג און נעכט און זונען.
כ'צינד־אָן די וועלט אינם דערקענען ווי אַ פלאַם אין קנויט, —
און באַשאַף מיין אייגן לעבן און באַשאַף מיין אייגענעם טויט.
און ליכטיק ווערט מיין נויט.
מיין אויג אַליין ווערט זון — און ס'ווערט דער וועג געפונען.

אָ, מוזעס, איר הויזט אין טונקעלע געמעכער.
טונקל ווי תהום איז מיין געזאַנג.
אַ טרויער, וואָס לאַכט איז מיין געדאַנק.
פון טויט און דערקענונג האָב איך געמישט דאָס געטראַנק,
וואָס כ'גיס פאַר אייך אויס פון מיין בעכער.

ליבע־לידער

דער טויטן־קאָפּ

כ׳האָב מער קיין זין נישט פאַר בלויקייט און פֿאַר פרויען.
קלוגשאַפט האָט מיר אָפּגעקילט דאָס בלוט.
ביסט געקומען אין אַן אומפאַרזיכטיקער מינוט.
ס׳האָבן זיך געשפּיגלט אין דיינע בלויע אויגן
אַלע טויען.

די צייט האָט מיינע האָר פאַרווייסט,
די לאַנגע צייט פון וואַרטן.
איינגעשלאָסן אין פיר טונקעלע ווענט.
איז מיין וועלט געווען דאָס קאַרגע ליכט, וואָס ברענט
אויף אַ טיש אַ האַרטן.
אַ הוילער טויטנקאָפּ.
אַ טינטערטאָפּ.
באַשריבן פאַרגאַמענט.
גייסט.

האָסט אַנגעקלאַפּט אין מײַן קלײנער פענצטער־שויב
האָסט באַרירט די שויב לײַכט און לינד
ווי אַ זומער־ווינט
און געפּליסטערט: כ׳בין געקומען.
דײַן אָטעם האָט געשמעקט מיט פעלדער און מיט בלומען.
אויפן דאַך האָט געוואָרקעט די טערקלטויב.

האָסט געזאָגט צו מיר:
„קום צו מיר,
קלוגער און באַטריבטער.
פונעם שוואַרצן חכמה־קוואַל אין טינטער־טאָפּ
אַנטלויף געליבטער.
אויפן געלן פאַרגאַמענט און אין טויטנקאָפּ
הויזט אַ טרויעריק וויסן״.

י. י. טרונק

כ׳האָב מיך אַ הייב־אויף געטאָן פון ביכער־שטויב
געעפנט דאָס פענצטער קוים,
געוואָלט גיין דיר אַנטקעגן.
האָסט מיך אָפּגענאַרט — אַ פאַלשער טרוים.
אינדרויסן האָט אַן אַלטער אויסגעדאַרטער בוים
זיך געטרייסלט אין ווינט און אין רעגן.
אויפן דאַך האָט נישט געוואָרקעט די טערקלטויב

די נאַכט איז האַרבסטיק־פּויל,
ווי שפּינען קריכן שאָטנס אויף די ווענט.
אויפן טיש דאָס קאַרגע ליכט,
קוים וואָס ס׳ברענט.
דער שוואַרצער קוואַל פון קלוגשאַפט גלאַנצט אין
טינטערטראָפּ.
מיט הוילע טיפע לעכער קוקט דער טויטנקאָפּ.

**
*

פון מיר האָט אַרויסגעשטראַלט
אַ גרויסע ליבשאַפט
ווי אַ וואונדערלעך ליכט.
איך ווייס נישט
ווי אַזוי
האָסט זיך שטיל פאַרבלאָנדזשעט
אַ, קליינע פשוטע פרוי,
אינעם קרייז
פון מיין ליכט.
דיין געזיכט
איז געוואָרן לייטזעליק.
וואונדערלעך האָט אויפגעשיינט
דיין ווינציקע געשטאַלט.

מיין ליכטיקייט האָט דיך פאַרבלענדט
ווי אַן אומבאַקאַנטע זון.
דו האָסט דיך אַליין נישט דערקענט.
אויף דיינע הענט
האָט געלויכטן מיין גרויסע ליבשאַפט
ווי עס לייכטן די פאַרנאַכטן אין די בלעטער
פון בלומען.
הינטער באַהאַלטענע ווענט
האָבן דיך געזוען אין מיין גאָלד פאַרבענקטע געטער
און געפליסטערט: זי איז דאָ.
דו האָסט נישט פאַרשטאַנען די וואונדערפולע שעה.
און נישט באַנומען דאָס וואונדערלעכע געפיל.
פאַר דיר איז עס געווען נישט מער ווי שפּיל.
נישט מער ווי שפּיל.
ביסט געוואָרן אומגעדולדיק און מיד
און געזאָגט: גענוג.
האָסט גענומען און צעבראָכן די גאָלדענע קרוג
פון מיין ליבשאַפט.

שטיל האָט געגליט
די זון
עס האָבן געראַשט די גראָזן.
די הימלען זיינען געווען טונקל־רויט.
דו האָסט דיך פון מיר אָפּגעווענדט.
מיך פאַרלאָזן.

ביסט אָבער, אַ פרוי, געוואָרן אויסגעלאָשן
ווי אַ קנויט
וואָס האָט אָפּגעברענט.
אויך איך האָב דיך מער נישט דערקענט.
פאַר מיר זיינען דיינע טריט
שטיל פאַרגאַנגען אין די גראָזן,
אין די רוישנדיקע גראָזן.

אפשר

אפשר —
מיין ליבשאַפט צו דיר איז אַ חלום.
דער רויטער שמעטערלינג
פלאַטערט נישט
אויף דער ווייסער פעלד-בלום
אין גאָלד פון טאָג.
דער עפּל-בוים שמעקט נישט מיט עפּל.
אויף דער ווערבע זינגט נישט דער פויגל.
איבער די שטילע וואַסערן
שווימט נישט דער שוואַן.

אפשר —
מיין ליבשאַפט צו דיר איז אַן אייביקע וואָרהייט.
דער רויטער שמעטערלינג
פלאַטערט
אויף דער ווייסער פעלד-בלום
אין גאָלד פון טאָג.
דער עפּל-בוים שמעקט מיט עפּל.
אויף דער ווערבע זינגט דער פויגל.
איבער די שטילע וואַסערן
שווימט דער שוואַן.

**
*

דו ווילסט אייביקייט —
כ'האָב נישט מער ווי מיין אייגענע צייט.
איך האָב נישט מער ווי מיין טיפע פרייד,
און מיין לייד,
נישט מער, ווי מיין לעבן וואָס פאַרגייט.

דו ווילסט אומענדלעכקייט —
איך האָב נישט מער, ווי דעם צאַרטן, ציטערדיקן רוים
פון אַ בלאַסער קווייט.

דו ווילסט אַלדאָס גוטס און האָב —
פון דער וועלט די ברייט און גרוים.
און איך האָב בלויז
דיך, אַוועקצולייגן אויף דיין שוים
מיין מידן קאָפּ.

ליבסטע, טו־אויף דיינע אויגן,
טו דיך אויף, און שטיל
האָרך צו, און ווענד
דיין בלויען בליק צו מיר.
בין געקומען פון דער נאַכט.
כ'קלאַפּ אָן אין דיין טיר.
ס'איז פולגעבראַכט.
אַלע ווייטקייטן זענען פאַרברענט.
רוים און צייט — פאַרלענדט.
דאָס אומבאַקאַנטע — דערקענט.
די וועלט די אומענדלעכע
טראָג איך דיר צו אין מיינע הענט.
אין עטלעכע בלאַסע ווינטער־קווייטן
האָב איך איינגעוויקלט פאַר דיר
אַלע אייביקייטן.

ליבע

דער וואַלד רוישט אין ווינט און אין רעגן.
נאַכט. עס טוט אַ בליץ־אויף אַ ליכט.
אַ וואונדערלעך פרויען־געזיכט
שיילט זיך אַרויס פון די וואַלדיקע וועגן.

אַ פרויען־פיגור — ווי אַ ראַקאַקאָ־ליאַלקע.
אַ, איך האָב זי דערקאַנט.
קליין, צירלעך־מאַנירלעך —
די ראַקאַקאָ־לאָקן גרוי,
לאַכט רואיק און קאַלט
אינם ביינאַכטיקן וואַלד,
די אויגן קוקן גרויס און בלוי.
אַ רויטער שיין בליט־אויף אויפן פינצטערן האָריזאָנט.

נאכט און ווינט. אונטער אַ צעהוויקערטן בוים
טאַנצט זי לייכט אינם ווייסן פאַלדיקן קלייד,
וויגט זיך אינם ווינט ווי אַ ווייסע וואונדערלעכע קווייט.
אינם רעגן שפּילט עמיץ אויף אַ פליוט.
אַ, פרויען־פיגור, ביסט ווארהייט? ביסט טרוים?

אַ, פרויען־פיגור, ביסט ליבע? ביזט טויט?
ווער ווייס?
אַפילו אין דער נאַכט איז דיין פּנים גאָר ווייס. —
דער פינצטערער הימל ווינקט רויט.

אַ, פרויען־פיגור! אַ, שיקזאַל! דו רופסט מיך, איך גיי.
אין ביינאַכטיקן גראָז דיינע טריט
פאַרווייען ווי דאָס שענסטע און טרויעריקסטע ליד.
איך מאַך־צו די אויגן — מיך ציט
צו ליבע, צו טויט.
דער פינצטערער הימל ווינקט רויט:
פאַרגיי!
ס'איז אַלצדינג פאַרביי.
איך גיי.

**
*

פוק, פוק, קלאַפּט די צייט.
כ׳זאָל זיין גרייט.
זי איילט און פאַרגייט.
איך בין ווינציק און אָן באַטייט.

געליבטע, צוזאַמען מיט דיר
וועל איך געפינען די טיר
צו דער צייטלאָזיקייט.

ווי טיף־רואיק עס זיינען
די צייטלאָזע פליינען!
דאָרט וועלן מיר זיך קוקן אין די אויגן
און זיך האַלטן פאַר די הענט.
מיר וועלן טרעטן
ווי אין אַ טאַנץ אַ שטומען.
די טעג וועלן זיך שיטן אויף אונזערע קעפּ
ווי צעעפנטע בלומען.

אַלע זונען װעלן שטױנען
און זאָגן:
זײ זענען געקומען.
און אַרונטערנעמען די גאָלדענע קרױנען.
די װעלטן װעלן אָפּשטעלן זײער גאַנג.
די לבנות װעלן לאַכן
אין די הימלען פון דער נאַכט,
און שװימען אין די װאָלקנס.
װי גרינע לאַמטערן
װעלן פינקלען איבער אונדז
די שטערן.

כ׳ליג קוים איין אין בעט

כ׳ליג קוים איין אין בעט
און וויל עס זאָל שוין טאָגן.
אין האַרץ אַ גרויסע אומרו,
ווי ס׳וואָלט מיר עמעץ זאָגן:
היינט וועט דיר עפּעס קומען.
ווען עס גרויט דער באַגינען,
טו איך אַ מאַך־אויף ס׳פענצטער.
טו איך אַ מאַך־אויף ס׳פענצטער.
כ׳בין זיכער געווען —
אינדרויסן שטייט דער טויטנוואָגן
מיטן שוואַרצן ברעט,
מיטן שוואַרצן ברעט.

אינדרויסן שמעקן בלומען.
פייגל זינגען אין די בוימער.
ס׳גייט אויף דער באַגינען
דער נאַכט-שומר
לעשט די לאָמפּן.

מיין אומרואיק געמיט
ווערט פול מיט פרייד:
נאָך האָב איך צייט,
נאָך האָט מיין לעבן נישט פאַרבליט.

מיין געליבטע שיקט מיר צו אַ בריוו:
„היינט ביים ערשטן אָוונט-שטערן
דערוואַרט איך דיך ביים לאַמטערן
וואָס ביים אַלטן ברונעם.״

כ׳האָב אויפגעאָטעמט טיף —
וואָסער פרייד!
כ׳האָב געגאַרט
איר צו זאָגן
פון מיין ליבע און מיין פרייד.

כ׳האָב קוים דערוואַרט
דעם ערשטן אָוונט־שטערן
און לויף צו מיין געליבטער,
און לויף צו מיין געליבטער.

אינם טריבן שיין פון לאַמטערן
וואַרט אַ שוואַרצער טויטנוואָגן
און דריי קברות־לייט,
און דריי קברות־לייט.

אויף אַ ווייס־פֿאַרשנייעטן בוים

ס׳קראַקעט אַ שוואַרצע קראַ
אויף אַ ווייס־פאַרשנייעטן בוים.
איך בין אַלט און גראָ.
ס׳גענענט מיין לעצטע שעה.
איך זע דיך שוין קוים.

ווען די קאַרשן־ביימער האָבן געבליט,
האָב איך דיך געזוכט אונטער זיי.
ווען אויף דער וואַרעמער ערד האָט געשיט
זיינע בליטן דער מאַי,
האָב איך געגלויבט:
עס זענען דיינע טריט.

כ׳האָב געוואַרט אויף דיר. מיינע אויגן
האָבן דיך אויסגעקוקט אין אַלע הימל־עקן.
די פייגל זענען פאַרפלויגן.

פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן די בלומען.
דער האַרבסט איז אַוועקגעגאַנגען
אויף גאָלדיקע בלעטער.
אויף די וואַסערן האָבן געזונגען די שוואַנען
און געלאָשן אַלע בענקשאַפֿטן.
אויף די שטערן זענען איינגעשלאָפֿן
די געטער.
פֿאַרגאַנגען זענען מיינע פֿאַרלאַנגען.
דו ביזט נישט געקומען.

אויף אַ ווייס־פֿאַרשנייטן בוים
קראַקעט די שוואַרצע קראָ.
זי קראַקעט מיין לעצטע שעה.
ס'ציטערן מיר די הענט.
איך בין גראָ.

ענדלעך ביזטו דאָ.
איך זע דיך שוין קוים.

י. י. טרונק

אויף אַ שעקספּירישן מאָטיוו

ליבסטע, געה נאָך נישט אַוועק —
נאָך גליט
מיין טאָג ווי ס׳לעצטע גאָלד
אויף די בוימער־שפּיצן.
אין די צווייגן זינגט די נאַכטיגאַל
מיר אַ יוגנט־ליד.
ליבסטע, געה נאָך נישט אַוועק.

ניין, ס׳איז נישט די נאַכטיגאַל,
וואָס זינגט.
ס׳איז די שווארצע קראָ
וואָס לאַכט.
דיין לעצטע שעה
הילט־איין די בוימער־שפּיצן.

ניין, ס׳איז נישט די נאַכטיגאַל
וואָס זינגט.
ס׳איז די קראָ וואָס לאַכט.

מאַסקנבאַל

ס׳פּייפן פּלייטן, ס׳קלאַפּן קאַסטאַניעטן.
ס׳איז אַ גרויסער מאַסקן־פּעסט.
פּרויען, ווייַן און פאַקל־שייַן.
אַ פרעמדער שטיי איך בייַ דער טיר —
און קוק אַריין.
עס פאַרבעטן מיך
די ליבע געסט,
די ליבע געסט אין מאַסקן־צוג.
מע הויבט צו מיר אַ בעכער ווייַן,
מע זאָגט צו מיר: קום אַריין —
נו, קום אַריין.
מע בינדט מיר צו די אויגן —
מע גיט מיר אין די הענט אַריין
אַ יונגפרוי ליב און וואונדערשיין,
מע זאָגט צו מיר: טאַנץ מיט איר, —
זי האָט דיך ליב, זי וואַרט אויף דיר.
ס׳פּייפן פּלייטן. ס׳קלאַפּן קאַסטאַניעטן.

ס'פייפן פלייטן, ס'קלאַפּן קאַסטאַניעטן.
פרויען, ווײַן און פאַקל־שײַן.
מאַסקעס טאַנצן קאַראַהאַד.
מאַסקעס טאַנצן מענועטן.
כ'טרעט אַרײַן אין טענצער ראָד.
כ'הויב די פּיס
און טאַנץ מיט איר
מיט פאַרבונדענע אויגן
און דריק זי פעסט
און רעד צו איר
ליב און זיס.
אַ האַ, אַ האַ,
יונגפרוי ליב און וואונדערשײַן,
ליבסט מיך אינם גרויסן פעסט
פון פרויען ווײַן און פאַקל־שײַן ?
זי ניקט אויף יאָ.
מאַסקעס טאַנצן מענועטן.
ס'פייפן פלייטן. ס'קלאַפּן קאַסטאַניעטן.

ס׳פייפן פליטן. ס׳קלאפן קאסטאניעטן.
ווי גוט מיר איז!
ווי גליקלעך כ׳בין!
יונגפרוי ליב און וואונדערשיין,
דאָס גליק איז זיס,
אַ טאַנץ מיט מיר און הויב די פיס,
איך טאַנץ איצט אויס די גרויסע ליבשאַפט,
גיט מיר נאָך אַ בעכער ווײַן!
זי ניקט אויף יאָ.
אַ פרעמד געלעכטער.
עס לאַכן הויך די מאַסקן־געסט.
יונגפרוי ליב און וואונדערשיין,
ליבסט מיך טיף און אומבאַקאַנט
און טאַנצסט מיט מיר —
אַ האָ, אַ האָ,
וואָס לאַכט אַזוי דער מאַסקן־פעסט?
מ׳לאַכט פון מיר?
זי ניקט אויף יאָ.

כ׳רייס פון ד׳אויגן דעם פאַרבאַנד.
אינם זאַל אין העלן
שטראָמט דאָס ליכט פון אַלע טירן.
ביי רויטע ווענט
אויף שוואַרצע שוועלן
פלאַקערן ליכטער און פאַקעלן.
ס׳לאַכן נימפעס און סאַטירן,
קאַלאַמבינעס און פיעראָטן,
ס׳גיסט זיך ווײַן פון גאָלדענע בעכער.
ס׳קרייען הענער אויף די דעכער.
ס׳פּאַטשן בראַוואָ טויזנט הענט.
ווײַס-אַנטבלויזטע מענטשן-טעכטער
קושן זיך אין ווילדער ליבשאַפט
מיט שוואַרץ-מאַסקירטע מענטשן-זין.
פרעך און פרעכער
גייט ס׳געלעכטער.
מיך פירט אין טאַנץ אַ מאַנעקין,
אַ קאַלטער הוילער מאַנעקין.
ס׳פייפן פלייטן. ס׳קלאַפּן קאַסטאַניעטן.

סטראָפע און קעגנסטראָפע

.1

דאָס געוויין פון דער געטין איזיס

וויינט מיט מיר.
וויינט מיט מיר.

אין תהום פון דער נאַכט
איז פאַרלוירן געגאַנגען
די זון.
אין תהום פון דעם טויט
איז פאַרלוירן געגאַנגען די ליבע.

ווער קאָן געפינען דאָס ליכט
אין תהום פון דער נאַכט?
ווער קאָן געפינען די ליבשאַפט
אין תהום פון דעם טויט?

וויינט מיט מיר.
וויינט מיט מיר.

2.

דער טאַנץ פון דעם לוסט־ווייב אַניטראַ

באַקראַנצט מיט רויזן אייער קאָפּ,
איר מענער.
הייבט הויך די גאָלדענע בעכער
מיט וויין.
אזוי פיל ליכט אויף די קעפּ!
אזוי פיל ליכט אויף די קעפּ!
אַניטראַ טאַנצט
דעם טאַנץ פון דער זון.

באַגלייט מיט גאָלדענע האַרפעס אייער געזאַנג,
איר יונגפרויען.
די פלייטן אין בלויען געשפּיל.
די פויקן אין שאַליקער פרייד.
אַניטראַ טאַנצט
דעם טאַנץ פון דער ליבשאַפט.

די נאַכט פאַלט פאַנאַנדער
ווי דאָס פינצטערע איי
פון דעם אָנהייב.

די זון — אַ גאָלדענער פויגל
פליט אונדז אַנטקעגן
אין פרייד פון דער וועלט.

די פליטן אין בלויען געשפּיל.
די פויקן אין שאַליקער פרייד.

דער טויט פאַלט פאַנאַנדער
ווי דאָס איי
פון דעם סוף.

די ליבע — אַ גאָלדענער פויגל
פליט דאָרט אַריין
אינעם טונקל פון איר געבורט.

באַגלייט מיט גאָלדענע האַרפעס אייער געזאַנג,
איר יונגפרויען,

וועלט־לידער

טרינק־ליד

די וועלט איז אַ טונקעלער בעכער.
די נאַכט איז אַ פינצטער געטראַנק.
אין הימל שטאַרבן די שטערן.
די לבנה הענגט קראַנק אויף אַ בוים
און גאַפט:
ווי בלאַס איז די וועלט!
די וועלט איז דער טרוים
וואָס שאַפט
אין דער פינצטער
און וויי׳סט נישט קיין אויסוועג.
צו וואָס טרוימען, איר ברידער?
אונדזער טרוים האָט קיין האָפט.
לאָמיר שטאַרבן
ווי אין הימל די שטערן.

ארקטישע זומער-לידער

.1

אויפן צפון-ים פאָרן מיר אין די ווייטקייטן.
די ווייטקייטן זענען איינגעהילט אין נעפּל.
אינמיטן וואַסער און וואָלקן וויגט זיך די שיף.
פייפט יאָמערלעך די שיף.
די וואַסערן פינצטערן זיך אין נעפּל. וויקלען זיך.
וויקלען זיך.
אָטעמען טיף.

אָ, וועלט, ביסט דאָס וואונדערלעכסטע משל
און דער טיף-זיניקער באַשייד.
אויך לעבן איז אַ גאַנג אין ווייטן לאַנד.
ווי אויף דער שיף זענען מיר צוזאַמען —
און זענען די איינזאַמקייט.
מיר זענען די נאָענט —
און זענען די ווייט.
אָ וועלט, ביסט דאָס וואונדערלעכסטע משל
און דער טיפזיניקער באַשייד.

.2

ווי גוט צו מיר איז די וועלט

איך האָב געליבט אַ פרוי.
זי האָט מיר נאָר איינמאָל אַ קוש געטון —
און באַלד אַוועק צו אַנ'אַנדערן.
איך האָב זי אַנטוישט.
איך בין געבליבן אַליין — און באַרוישט.
פאַר מיר האָט די ליכטיקע וועלט זיך פאַרמאַכט.
די פרוי האָט מער וועגן מיר נישט געטראַכט.
זי האָט זיך געשפּילט מיטן אַנדערן.
כ'בין געבליבן אַליין מיט מיין פּיין.
כ'האָב אָנגעהויבן צו וואַנדערן.

די צפון־הימלען זענען פון שטילסטן גאָלד
און איידלסטן בלוי.
די צפון־וואַסערן — ליכטיק און גרוי
ווי די אויגן פון דער געליבטער פרוי.
די שיף שוועבט ווי אַ ים־פויגל, די ווייסע זעגלען צעלאָזן.

ווי גוט צו מיר איז די וועלט!
די וועלט איז מיין איינזאַם געמיט.
ווינטן גלעטן מיך און פייפן אַ טרייסטנדיק ליד.
אין דער שקיעה־צייט גליט
די זון ווי מיין בענקשאַפט.
עס רוען אַלע ווייטקייטן אויפן וואַסער
און וויגן מיך צו —
און זאָגן מיר: רו!
ווי גוט צו מיר איז די וועלט.
נאָר די פרוי — זי האָט מיך פאַרלאָזן.

.3

איינזאַמקייט

זיי מיר שטילער צפון-ווינט —
טרייב נישט די שיף אַזוי שנעל.
פון אָפענעם ים'יקן רוים
איבערן ליכטיקן שוים
קומט אָן אַ מעווע געפלויגן.
אַ מעווע איז פריילעך און העל
ווי דער ליכטיקער שוים
אויפן וועל.
היינט ביינאַכט האָט געזאָגט מיר אַ טרוים:
„אַ מעווע טראָגט דיר אַ בריוו.
טראָגט דיר אַ בריוו".

עס האָט זיך די מעווע אויפֿן מאַסט־בוים פֿון שיף
אַנידער געשטעלט.
זי וויגט זיך צוזאַמען מיט די זעגלען
און קוקט אוים די איינזאַמע וועלט.
אַ פֿאַלשער טרוים!
די מעווע, זי טראָגט נישט קיין בריוו.
טראָגט נישט קיין בריוו.

בלאָז שטאַרקער, צפֿון־ווינט,
טרייב ראַשער די שיף!

.4

אַ שיף קומט אונדז אַנטקעגן

פון הימל און וואַסער זענען די נעכט און די טעג
אויפן ים.
דאָ ליגן גרוי די איינזאַמקייטן. זיי האָבן נישט קיין וועגן.
זיי זענען די ווייטקייט און זענען דער ברעג.
זיי בלייבן אייביק דאָ — און גייען אייביק אַוועק.
אַ שיף קומט אונדז אַנטקעגן.

זי טויכט אויף פון די טיפענישן
פון איינזאַמען ים.
און וויגט זיך.
און וויגט זיך. —
פלוצים פאַרהילכט די רוימען איר יאָמערלעך געשריי.
אזוי שרייען די וואַסערן צום הימל,
אזוי רופן די וואַסערן צום מענטש.

די שיף ווערט ווידער פאַרשטומט.
זי האָט אַ וואָרנונג געברומט,
און שווייגט ווידער אין גרויען וועלטישן סוד
און וויגט זיך אין אומעט אויף כוואַליעס און ווינט.
און פאַרשווינדט.

.5

די זון צוועלף ביינאַכט

אין די אַרקטישע ימים
צוועלף ביינאַכט,
לייכט די זון בלאַס אין די הימלען
און לאָזט די טעג נישט פאַרגיין.
אויף מידע וואַסערן דרימלען
די טעג וויים און פאַרשמאַכט
ווי פאַרוועלקטע בלומען.
צוועלף ביינאַכט.
די טעג טוען אוים זייערע פאַרבן
און בענקען צום סוף.
אין בלוי-גרויען נעפל גליט
די זון צוועלף ביינאַכט,
גליט גרויזאַם.

אַנ־אייביקע לאַמטער
הענגט דאָביים וועלט־סוף.
אַ רויט־בלאַסע זון אין די ביינאַכטיקע הימלען!
אַנ־אייביקער טאָג
ליגט אויף די צפון־וואַסערן
און שטאַרבט נישט
און וואַכט
צוועלף ביינאַכט.

דאָ פאַרמאַכט
די וועלט נישט איר אויג.
אויף דער שטילער שוועל פון דער וועלט
לייכט דאָ העל
די זון, די טויטע לאַמטער
און קאָן זיך נישט לעשן.

6.

דאָס ליד פון ליבע און טויט

ים-פּאָרער, וואָס האָבן געזען דעם טויט,
דערציילן:
אָפט טאַנצט ער אויף די שוימיקע כוואַליעס
ווי אַ רויטער קליינער מעפיסטאָפל,
אין אַ העל-בלויען מאַנטל
און אין גילדענע פּאַנטאָפל.
דער טויט איז נישט שרעקלעך,
ער טאַנצט אויף די כוואַליעס אין אַ מיצל מיט גלעקלעך.

אנדערע דערציילן:
ער שווימט אויף אַ ברעט
פון אַ פאַרזונקענער שיף.

אנדערע האָבן געזען:
אַ גאָלדענע בריק
לאָזט זיך אַראָפּ פון אַ ראַזיקן וואָלקן.
עס שטייט דאָרט דער טויט
אין סאַמעט און זייד —
פייפט אויף אַ פלייט.

איך האָב אים געזען אין ווייטן איינזאַמען צפון.
אַ העלע זון־נאַכט.
דער טויט טוט אָן זיין קיניגלעכע פראַכט, —
גאָלד און בלויקייט.

י. י. טרונק

גייט שלאָפן
אויף אַנ׳אינזל פון פעלז און פון אייז־בערג.
ווייסע שפּיציק־צעטורעמטע אייז־בערג.
זיי הויבן זיך און גלאַנצן אינמיטן דעם ים־ברויז
ווי פאַרכצומטע קאַטעדראַלן.
עס שאַלן
די ים׳ישע תהום׳ען.
עס שרייען און פלוכן די רוימען.
דער ים איז אין שטורעם!
העל איז די אַרקאַטישע זון־נאַכט.
קאַלט שיינען די הימלען מיט אייביקע טעג.
אין אַ פּאַלאַץ אַ קלאָרן און בלויען.
אין וואונדערלעך ליכט.
גייט שלאָפן דער טויט.

עם וויגט אים א יונגפרוי
און זינגט אים א וויג־ליד
און וויגט אים צו רו
אינמיטן דעם ים.
זי גלעט אים און קושט אים
אין אייביקער ליבשאַפט
און קעמט אים די באָרד
מיט א גאָלדענער קאַם.

זי גלעט אים און קושט אים
אין אייביקער ליבשאַפט
און קעמט אים די באָרד
מיט א גאָלדענער קאַם.

שיף „בראַצצא". אויף ארקטישע ימים.
יולי־אויגוסט, 1938.

על גרעקאָ

ער האָט זיך אויסגעצויגן הויך און העכער
ווי אַ טונקעלער אַסקעט.
אין דער האַנט געטראָגן אַ גאָלדענעם בעכער
מיטן ליכט פון דער וועלט.
אין אַן־אָוונט שפּעט
האָט ער אויסגעגאָסן דעם גאָלדענעם בעכער
מיטן ליכט פון דער וועלט
איבער בלאַסע גאָטישע דעכער.
דאָס וועלט־ליכט איז געוואָרן בלאָ און טונקל.
דאָס וועלט־ליכט איז געוואָרן (ווי אַ פרומער אַסקעט)
בלאָ און טונקל.

דאָס וועלט־ליכט איז געוואָרן בלאַס און בלאַסער
און קראַנק.
אויסגעצערט פון אינערלעכער פּיין —
פון אומגעשטילטער בענקשאַפט צו זיך אַליין.

די וועלט איז פאַרגאַנגען אין דעם פאַרפייניקטן ליכט.
די וועלט האָט פאַרציטערט אינם טויטלעכן שיין.

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעטון
פון זיין ליכטיקייט
פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס גאָלדענע קלייד
פון פרייד.

דאָס ליכט איז געבליבן אין טונקעלן טרויער
ווי אַ פאַרטריבענער גאָט —
אַליין.

אינם וועלט-ליכט האָט געלויכטן
דאָס לייד
פון אַ פאַרפייניקטן גוף,
וואָס שטרעקט אויס זיינע הענט
ווי אַ רוף
אין די שאָטנס.

קרייז־שפּיל

פאַר מיר שיידט זיך פאַנאַנדער דער וועג
צווישן נעכט און טעג.
די טיר פון דער וועלט שטייט אָפן.
צו אַלע אָנהויבן,
צו אַלע סופן
פירט נאָר איין טריט.
איין טריט.

די ערד איז אַ מפּולת מיט אויסגעהאַקטע פענצטער.
דאָרט פייפט אַ קאַפּעליע געשפּענצטער.
לצים טאַנצן קאַדריל
אויף אומענדלעכע פליינען.
די וועלט־אַקס דרייט זיך אויף ניינ׳ען.

פֿאַר מיר שיידט זיך פֿאַנאַנדער דער וועג
צווישן נעכט און טעג.
דער וועלט-היטער איז אַוועק.
ער איז אַנטלאָפֿן.
די טיר פֿון דער וועלט שטייט אָפֿן.
צו אַלע אָנהויבן,
צו אַלע סופֿן,
פֿירט נאָר איין טריט.
איין טריט.

**
*

די שיפֿן זענען אַוועקגעגאַנגען אין ליכטיקע וואַסערן.
די שיפֿן האָבן פֿונאַנדערגעלאָזט די זעגלען.
די שיפֿן זענען אַוועקגעשוואומען ווי ליכטיקע פֿייגל
וואָס טראָגן בשורות
איבער זוניקע וואַסערן.

פֿינצטערע נעכט.
ווינטן האָבן געבלאָזן איבער פֿינצטערע וואַסערן.
די שיפֿן זענען צוריק געקומען ווי שוואַרצע געשטאַלטן.
די שיפֿן זענען צוריקגעקומען
ווי וועלט־אבלים
איבער פֿינצטערע וואַסערן.

*****

כ׳בין געלעגן קראַנק אין בעט.
דאָס לעבן איז אויסגערונען פון מיין אינגעווייד
ווי וויין פונם בעכער.
ס׳ווערט שפּעט.
רויטע זון פאַרזינקט צווישן שוואַרצע דעכער.

טונקלקייטן פאַלן צו.
אויף אַ זילבערנעם טעלער
דערלאַנגט מיר עמיצער אַנ׳אומבאַקאַנטע פרוכט.
זאַפּטיק־קיל איז איר הויט.
אויפן זילבערנעם טעלער שאַטנט זי זיך רויט.
איך האָב זי פאַרזוכט
די זעלטענע פרוכט פון טויט.
די הענט ווערן מיר שוואַכער, קילער.
אין מיר אינעווייניק ווערט שטילער,
ווערט שטילער.

האַרבסט

די יאָרן פאַלן־אָפּ פון מיר
ווי בלעטער פון אַ בוים.
די וועלט גייט־אויס אין האַרבסט.
איך זאָג צו מיר: דו שטאַרבסט —
דאָס לעבן איז אַ טרוים.

אין האַרבסט גייט־אויס די וועלט.
דער טויט איז גאָלד און הימל־בלוי.
אַ ווייסער שוואַן שווימט שטיל־אַזוי.
זוניק לייכט דאָס פעלד.

ווי איז מיר, מיין לעבנס־שעה
קלינגט־אויס אַ שטומע גלאָק.
אַ שאָטן וויגט זיך איבער מיר.
אַ האַנט קלאַפּט שטיל אין טיר —
כ׳בין שוין נישטאָ.

עפּיגראַם

די וועלט איז אַ טעאַטער־שפּיל.
די אילוזיע — דאָס העלע ליכט
פונם בינע־טאָג.
אילוזיע איז אויך —
שטילע צויבער־נאַכט,
לבנה'ש־בלאַס.
פאַרטראַכט.
געשיקט געמאַכט
דאָס אויג אָפּצונאַרן.
אין די קיניגלעכע פאַנפאַרן
בלאָזט אַ קלאָון.
אילוזיע —
זי קומט מיט גאָלדענע טריט
און מאָלט,
אויף ביליקן טעקטור,
וועלטן שיין און האָלד.
קאָמעדיאַנטיש רעקוויזיט.

אָבער דאָס וויסן
איז די הינטער־קוליסן.
דאָס וויסן
איז די הינטער־קוליסן.
הינטער וויסן־קוליסן־וואַנט
אין מעפיסטאָפעליש געוואַנד
רויט —
שטייט
שטיל
און גרייט
דער טויט —
און וואַרט אויף אַ צייכן —
אויפצוטרעטן אין שפּיל.

י. י. טרונק

וואַן־גאָג אָדער די קונסט

ליד צו דער אילוזיע

אַ ווײַס טישטוך, אַן ערדענע קרוג און אַ רויז אַ רויטע —
אַלע וועלטן טוען זיך אויף און אַלע ווײַטע זײַנען.
אין פרייד לײַכטן-אויף אַלע פּײַנען.
ס׳שטאַרבן אַלע לעבעדיקע און ס׳וועקן זיך די טויטע.

אַ ווײַס טישטוך, אַן ערדענע קרוג, אַ רויטע רויז,
אַ צווײַגל בעז אין אַן אָרימען טאָפּ —
אַלע וועלטן ליגן אַוועק דעם קאָפּ
אין דער דאָזיקער ווינציקער שוים.

אין אַ ווייס טישטוך, אין אַן ערדענער קרוג, אין אַ
רויטער רויז
האָט ער אויסגעלייזט די גאַרע וועלט.
עס העלט
דער לעצטער טאָג אַרויס פון דער ליימענער קרוג.
אין גאָלדענע שיך קומט צו גיין דער לעצטער טאָג.
עס פליסטערן ציטערנדיק די פינצטערנישן און לייכטן
זיך פאַנאַנדער.

עס שיינען־אויף אַלע זונען
און עס צינדן זיך אַלע שטערן.
ווי בלומען צעבלעטערן זיך אַלע באַהאַלטענע פריידן.
עס שמעקט מיט גן־עדן.

אין אַ רויטער רויז און אין אַ פּאָר הארבסטיקע בלעטער
זינגען־אויף אַלע געטער.

וועלט־שפּיל

איך בין געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען
און געמיינט, אַז ס׳איז די וועלט.
טויבע שטילקייטן האָבן מיר געקלונגען ווי געזאַנגען,
פּוסטע טרויעריקייטן האָבן מיך געלאָקט ווי פאַרלאַנגען,
אַ שאָטן האָט געמיניעט — כ׳האָב געמיינט, אַז עס העלט.

די וועלט איז אַ ליכט־שפּיל אין אַן אייביקער נאַכט —
און איך בין אַן אָרימער קאָמעדיאַנט.
די שמאַטע אויף מיין לייב האַלט איך פאַר מלכותדיק
געוואַנד,
ס׳ברעט, אויף וועלכן כ׳טאַנץ, איז דאָס גליקלעכע לאַנד,
און מיין קלאָוניש פּנים — עס וויינט און עס לאַכט.

די וועלט איז שפּיל אין שאָטנס. און איך, אַן
אָפּגעפאַרבטער שאַרבן,
ווער געצויגן אויף אַ שטריקל. עמיץ פליסטערט מיר: לייד!
עמיץ פליסטערט מיר: האָב פרייד!
דאַן איז פאַרביי מיין צייט
און איך מוז קלאָמפּערשט שטאַרבן.

מיין הונט ניק

אָ, ניק, מיין שוואַרצער פּודעל ניק,
תמיד זענען מיר צוזאַמען —
מיר האָבן נישט קיין געמיינזאַמע שפּראַך.
דו גלויבסט אין מיר גאָר אַ סך,
הענגסט-אָן אין מיר דיין אומעט, הענגסט-אָן אין מיר
דיין גליק

בין נאַר אַן אָרימער נישטיקער מענטש —
דו גלויבסט, אַז אין אויבן
פון אַלע וועלטן שטיי איך, און בין דאָרט דער
אַלמעכטיקער גאָט,
און אַלע וועלט-עשרותן שטייען מיר צו געבאָט.
דאָס טרייבן די געטער מיט מיר שפּאָט
אין דיין טרויעריקן הינטישן גלויבן.

בין אַ געפּענטעטער קנעכט —
דו האַלסט מיך פאַר אַ געוואַלטיקן האַר
און דיר געפעלט
וואָס מיט גרויס חכמה האָב איך באַשאַפן אַזאַ
וואונדערפולע וועלט —
איך בין נאַר דער גרעסטער נאַר.

ווילסט, אַז אַ וועגלאָזער זאָל דיך פירן,
קוקסט מיר פאַרכצום אריין אין די אויגן
און פאַרלאַנגסט נישט מער ווי אַ ביין
פון דעם וואונדערלעכן ז י י ן,
וואוהין כ׳גיי מיט דיר שפּאַצירן.

אלימפּ

פונקט ווי אין שוישפּיל, אויף טעאַטער־ברעטער, —
אַזוי
האָבן די געטער
זיך אָנגעטון אייטעלע און נאַרישע וועלטן,
זיך אויסגעשמירט די געטלעכע פּנימער אויף בלוי,
זיך אַרויפגעזעצט די זונען ווי גילדערנע קרוינען —
אויף די קעפּ
און מאַכן זיך פאַר העלדן,
אַט די אייביקע אָלימפּישע פּאַרשוינען.
און רייטן־אַרום אויף פערד
און פאָכען מיט אַ שווערד
איבער דער פוסטער און אָרימער ערד —
און רייטן און רייטן
אָן רוימען און אָן צייטן —
און פאָכען כסדר מיט אַ שטומפּיקער שווערד:
אַ האַ! אַ האַ!
אַ האַ! אַ האַ!

פונקט ווי אין שווישפיל דער כאָר:
ס׳איז צו לאַכן און צו שפּאָטן.
די געטער זענען וואַרע דאָן־קישאָטן.

איבער ליידיקע אייביקע רוימען
רייַטן די געטער אויף הימלישע פערדלעך
און זוכן מיט ליכט אַ פּיינט
אינם נאָמענלאָזן ז י י ן —
די געטער זוכן אַ פּיינט.
וועמען?
סך־הכל זענען זיי אַליין,
עלענט און אַליין
אין אַלע וועלטן.
האָבן צומאָל נישט קיין צייט און קיין שעה
אויף צו וויסן ווי זיי האַלטן אין דער וועלט —
און ממש קיינער איז אַרום זיי נישטאָ.

זיי רופן און רופן, — און ווער הערט ?
נישט קיינער.
אַזוי שטייען
די געטער פון די וועלטן,
מיט זונען ווי קרוינען אויף די קעפּ
און פאָכען מיט אַ שווערד,
פלוכן און שעלטן
און שרייען —
אויף אַ פּאָר טרוקענע מענטשלעכע ביינער.

פּונקט ווי אין שוישפּיל דער כאָר :
ס'איז צו לאַכן און צו שפּאָטן.
די געטער זענען וואַרע דאָן-קישאָטן.

י. י. טרונק

די געטער מאַכן־צו די אויגן — זיי חלומט זיך עפּעס:
האַסטיקע פערד־טריט. פיינט רוקן־אָן.
זיי זענען מכלומרשט אינמיטן אין שלאַכט —
און רופן.
אַ מענטש גייט אין לבנה־שיין און טוט אַ זיפץ.
נעמען זיי אים אָן פאַר דער פיינטלעכער מאַכט.
געטער אין קרוינען, אויף הימלישע פערדלעך,
פאָכען אין דער לופט
מיט זייער קלאָמפערשט בלוטיקער שווערד —
און הערן — און הערן —
ווי עמיץ — קלאָמפערשט דער פיינטלעכער מענטש —
רופט זיי ביים נאָמען
און וויל ביי זיי צונעמען די נאַרישע וועלט.
משוגענע טרוימען!

דער מענטש טוט נאָר גיין
אין שטילן לבנה־שיין.
אַלץ איבעריקע איז שוים, ניט מיין.
אין די ליידיקע קאָסמישע רוימען
דרייען זיך פּוסטע שאָטנס ווי מילן,
דרייען זיך, דרייען זיך געשווינד
אין אייביקן פינצטערן ווינט,
רייצן זיך און שפּילן
מיט די געטער —
רייצן זיך און שפּילן
מיט די געטער.

פּונקט ווי אין שוישפּיל דער כאָר:
ס׳איז צו לאַכן און צו שפּאָטן.
די געטער זענען ווארע דאָן־קישאָטן.

בראמא׳ס שלאָף

(הינדוסיש)

בראמא, דער אין-סוף
ליגט אויפן געלעגער
פון אייביקן שלאָף,
פון אייביקן טרוים.
אייביקייט איז שלאָף.
גאָטהייט — איז טרוים —
רו.
טאָטלאָזע פאַרטראַכטקייט.
נאָר דער מענטש איז וואַכקייט.

אונטערן פייגנבוים
זיצט דער מענטש —
קוקט צו
בראמא׳ס שלאָף.

בראמא ליגט אויפן געלעגער
אין אייביקן שלאָף.
בראמא אָטעמט ווי אַ געבערנדיק ווייב.
וועלטן אַנטשטייען, —
וועלטן פאַרגייען
אין בראמא׳ס אָטעם.
יעדע וועלט איז אַן־אָנהויב,
יעדע וועלט איז אַ סוף.

אונטערן פייגנבוים
זיצט דער מענטש —
קוקט צו
בראמא׳ס שלאָף.

בראמא האָט גאָר נישט געהאַט
אַחוץ זיך אַליין.
בראמא איז אַנטשלאָפן געוואָרן.
בראמא שאַפט וועלטן —
און קאָן זיך נישט דערמאָנען
פון וועןְ־אָן ער שאַפט זיי.

בראמא איז מאַט
ווי אַ געבערנדיק ווייב.
פון אַלע עקן
לאַכן די געטער
פון בראמא'ס אָנמעכטיקער גרויסקייט.
אויף אַלע ווינטן זיצן די געטער —
שאָקלען מיט די קעפּ.
פון אַלע פינצטערנישן פליסטערן
די געטער מיט שפּאָט:
ווער קאָן קומען און וועקן,
ווער קאָן קומען און וועקן
דעם גרויסן גאָט?

אונטערן פייגנבוים
זיצט דער מענטש —
קוקט צו
בראמא'ס שלאָף.

די געטער קוקן אַרויס פון די הימל־עקן
ווי אויסטערלישע פייגל.
די געטער שרעקן
זיך אין זייער פאַרלאָזנקייט
און לאַכן
די געטער זענען בלינד ווי פלעדער־מייז
בייטאָג —
זעען נישט דעם וואַכן
מענטש, וואָס איז קליין,
וואָס זיצט אונטערן פייגנבוים —
האַלט אין דער האַנט
די ט אָ ט
ווי אַ שטיין.
ער קאָן בראַמאַ׳ן וועקן.
ער קאָן בראַמאַ׳ן וועקן.

אונטערן פייגנבוים
זיצט דער מענטש —
קוקט צו
בראַמאַ׳ס שלאָף.

ווינטער־לאַנד

(כינעזיש)

אין די גראָע וואָלקענעס
בליען לוסט־גערטענער,
לוסט־גערטענער.
די שנייען שיטן זיך שטיל.
שיטן זיך שטיל,
ווי פרילינגס־בליטן
אויפן ווינט.

אין מיין האַרצן וועלקט די ליבע.
מיינע לידער פאַרווייען
ווי האַרבסט־בלעטער.
ווי האַרבסט־בלעטער
אויפן ווינט.

די לבנה שמייכלט בלאַס
איבער די פעלדער.
די וועלדער רוישן אין טויטלעכן ליכט.

אַ משל מיט אַ נמשל

ס׳איז אַ משל אויף צו לאַכן:

אויף אַ גינגאָלד בענקל
זיצט אַ מאַנדאַרין אין אַ בלוי־זיידן געוואַנד,
ס׳געוואַנד איז אויסגעהאַפטן און אויסגענייט
מיט פייגל און מיט דראַכן.
נעבן אַ גרויסן בלומען־טאָפּ
דעם מאַנדאַרין צופיסנס
זיצט שטיל דער שלאָף
און דרימלט און שאָקלט מיטן קאָפּ
ווי אַן אַלטער נאַרישער פילאָזאָף.
אינמיטן באַלויכטענעם געצעלט אויף דר׳ערד
ליג איך. איבערן האַלז
שוועבט מיר אַ בלוטיקער שווערד.
זאָגט דער בלויער מאַנדאַרין צום נאַרישן פילאָזאָף:
זיץ נאָר אַ רגעלע שטיל,
זאָל ער נישט דערוואַכן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים.
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ גאָלדענעם פאָדים.
נייען פאַר מיר קיניגלעכע בגדים.

דער בלויער מאַנדאַרין טוט מיטאַמאָל אַ קלאַפּ
מיט אַ זילבערנעם שטעקן —
און זאָגט צו דעם נישטיקן פילאָזאָפישן ליץ,
דעם שלאָף:
אויף אַ זילבערנעם וואָגן,
געשפּאַנט אין זיבן בלויע קעץ,
זאָל ווערן אַריינגעטראָגן
די וועלט —
זאָל ווערן אַריינגעטראָגן
די וועלט —
און טוט נאָך אַמאָל אַ קלאַפּ מיטן זילבערנעם שטעקן
און הייסט מיך וועקן,
און הייסט מיך וועקן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ גאָלדענעם פאָדים.
נייען פאַר מיר קיניגלעכע בגדים.

אַ פענצטער טוט זיך אויף. עס העלט
אַ שטיק פון שוואַרצן הימל מיט זיבן גרינע שטערן.
באַלד טוען זיך הערן
פויקן, צימבלען, פידלען און טראָמפּייטן.
העלע מיידלעך פעכערן מיט צווייגן,
בוקן זיך, מאַכן רעווערענסן,
שיטן ווייסע קווייטן.
ווי אַ ווילדער באָק
שפּרינגט דער שלאָף — דער ליץ.
זיבן גרויסע בלויע קעץ
ברענגען אַריינצוטראָגן די וועלט,
ברענגען די וועלט.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ גאָלדענעם פאָדים.
נייען פאַר מיר קיניגלעכע בגדים.

ווי אַ פאַפּירענער בלענדיק־פאַרביקער לאַמטערן
קוקט־אוים די וועלט. מ׳טוט מיר אָן
דאָס מלכות־געוואַנד.
מיט גרוים פאַראַד טוט מען מיך פירן
צו אַ העלפאַנט־ביינערנעם טראָן.
מ׳זעצט מיך אויבן־אָן.
מ׳שטעקט מיר אַריין די וועלט אין דער האַנט
און מ׳הייסט מיך רעגירן —
און מ׳הייסט מיך רעגירן
מיט דעם דאָזיקן פאַפּירענעם לאַמטערן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן-בוים,
זיצן שלאָף-מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפינען אַ רויטן פאָדים.
נייען פאַר מיר לצישע בגדים.

ס׳לאַכן זיבן גרינע שטערן.
ס׳פלאַטערן בלוי די קיניגלעכע פענער.
ס׳קלאַפּן די טאַצן, ס׳בלאָזן די פאַנפאַרן,
ס׳פייפן די פלייטן, ס׳שאַלן די טראָמפּייטן.
ס׳זינגען די פּאָעטן, ס׳לאַכן הויך די נאַרן.
ס׳שיטן זיך קווייטן.
ס׳קרייען די הענער.

פייגל אויף די דעכער,
מייז אין די לעכער
לאָזן הערן:
זאָל לעבן דער מלך פון דער וועלט,
זאָל לעבן דער קלוגער מלך פון דער וועלט.
ס׳לאַכן זיבן גרינע שטערן.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן-בוים,
זיצן שלאָף-מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ ווייסן פאָדים.
שפּינען אַ ווייסן פאָדים.

אַזוי זיץ איך אויפן טראָן
און האַלט די וועלט אין דער האַנט —
דעם פּאַפּירענעם לאַמטערן,
אין ציטער ווי אַ פיש און קלער —
נישט מער,
וואָס מיר ביי דער זייט
שטייט אַ הענקער מיט אַ שווערד אַ רויטער —
שטייט אויך און טרייסלט זיך אַ טויטער —
און שטיל שטייט און וואַכט דער שלאָף.

ס׳הייסט: מיך היטן פילאָזאָף און לץ
און זיבן בלויע קעץ.
הערט זיך אַ קול פון הינטער דער וואַנט:
אַדוני קיניג, כ׳האָב דיר אָנפאַרטרויט די וועלט,
הנה זיי־זשע וויסן,
טאָמער לאָזט דו זי אַראָפּ
און זי ווערט, חלילה, צעריסן —
אַזוי האַק איך דיר אָפּ דעם קאָפּ,
האַק איך דיר בלי־נדר אָפּ דעם קאָפּ.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים.
שפּינען אַ שוואַרצן פאָדים —
נייען פאַר מיר טרויער־בגדים.

נו, גענוג געזעסן אויף דעם כסא-מלוכה.
איך וויל נעמען די וועלט —
דעם ליכטיקן פּאַפּירענעם לאַמטערן —
און וויל גיין אויסזוכן די קוואַלן פון גן-עדן.
און וויל גיין אויסזוכן אַלע לײַדן און פריידן.
און וויל גיין אין די הימלען דאָרט אָנצינדן אַלע שטערן —
און אָנצינדן אַלע לבנות, און אָנצינדן אַלע זונען.
ס'קאָן זיכער אַלץ ווערן געפונען
מיט אַזאַ וואונדערלעכן לאַמטערן.
ס'קאָן זיכער אַלץ ווערן געפונען
מיט אַזאַ וואונדערלעכן לאַמטערן.

נו, גיי איך האָפּערדיק-גיך
ווי אַ קיניג אין בלוי-גאָלדענע שיך.

י. י. טרונק

דער הענקער טוט לייכט אַ פּאַך
מיט דער שווערד דער רויטער.
עס טרייסלט זיך ביינערדיק דער טויטער.
טוען שטיל אַ מיאַו די זיבן בלויע קעץ.
לאַכט סודותדיק דער ליץ.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אונטער אַ ווייסן קאַרשן־בוים,
זיצן שלאָף־מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים
שפּינען אַ פאָדים, אַ פאָדים, —
נייען פאַר מיר מתים־בגדים.

נו, גיי איך,
עפּן פֿאַמעלעך די טיר פֿון מיין קיניגלעך געצעלט
און טראָג־אַרוים די וועלט
אין דרויסן,
און טראָג־אַרוים די פּאַפּירענע וועלט אין דרויסן.
און טראָג־אַרוים די פּאַפּירענע וועלט
אויפֿן פּוסטן ווינט —
און דער פּוסטער ווינט איז קיל.
שטיל
טוט אַ בלאָז
דער פּוסטער ווינט
און לעשט מיר אוים די וועלט —
און לעשט מיר אוים די וועלט —

לעשט מיר אוים די ליכטיקע וועלט.
ווײ מיר, די וועלט איז אַ זייפן־בלאָז —
די ליכטיקע וועלט איז אַ זייפן־בלאָז.
האַפּ, האַפּ, —
שפּרינגען די מייז אין די פינצטערע לעכער.
פון אַלע פינצטערע דעכער
קומען געפלויגן
קראָען, — און פּיקן מיר אוים די אויגן.
ס׳לאַכט הויל און ביינערדיק דער טויטער.
דער הענקער מיט דער שווערד דער רויטער
האַקט מיר אַפּ דעם קאָפּ.
האַקט מיר אַפּ דעם קאָפּ.

אינם גאָלדענעם לאַנד פון טרוים,
אויף אַ ווייסן קאַרשן-בוים
הענגט מיין בלינדער קאָפּ,
הענגט און וויגט זיך אויפן ווינט.
מיין קאָפּ איז אַלט און גראָ.
עס פּיקט פון אים אַ קראָ.
שלאָף-מיידלעך —
איידעלע געשטאַלטן פון ליכט און שוים —
זיצן שטיל און וויינען,
זיצן שטיל און וויינען,
זיצן שטיל און וויינען.

אַט די טרויעריקע מעשה האָט גאָר אַ טיפן זין,
גאָר אַ טיפן זין:
השם יתברך איז דער בלויער מאַנדאַרין.
און דער לייכטזיניקער וועלט-מלך בין איך.
דער לייכטזיניקער וועלט-מלך בין איך.

דער יונגער קאַליף

זיילן־הויף אין קאַליפס פּאַלאַץ.
זיילן פון איידעלן רויטלעכן מאַרמאָר.
מאַרמאָר־זיילן — שטילע פאַרשטיינערטע פאַרנאַכטן.
פאַרנאַכטן קיינמאָל נישט פאַרגאַנגענע.
אינמיטן הויף אַ שפּרונג־ברונעם.
דעם ברונעם באַשאָטנט אַ בוים
מיט גאָלדענע מאַראַנצן.
עס הענגען די מאַראַנצן צווישן די בלעטער
ווי קליינע זונען צווישן צעריסענע בלויקייטן פון הימלען.
דער יונגער קאַליף האָט פאַרלאָזן דעם האַרעם —
פאַרלאָזן דאָס געליבסטע ווייב אויפן געלעגער פון
רויטע טעפּיכער.

דער יונגער קאַליף שטייט איינזאַם אינמיטן די זיילן פון
רויטלעכן מאַרמאָר.
דער יונגער קאַליף שטייט אין שאָטן פון בוים
מיט גאָלדענע מאַראַנצן.
דאָס וואַסער פליסט אין שפרונג־ברונעם.
דאָס געוואַנד פונם איינזאַמען קאַליף שמעקט מיט
דעם לייבלעכן דופט
פון דעם ווייב.
דער קאַליף טראַכט: ווי איטל דאָס לעבן איז
און ווי פאַרגענגלעך.

פיאָרדן

די וועלט איז שיין און וואונדערבאַר.
איך בין קליין און קראַנק און אָרים.
מיין בלום איז בלאַס און וואַקסט צווישן קברים.
די וועלט איז שיין און קלוג. איך בין אַ נאַר.

אונז טראָגט די שיף אין די פיאָרדן פון נאָרוועגן —
בערג, הימל, ים און רעגן.
ליכט, ווייבער און געלעכטער.
אַן אָפענע האַנט שטרעקט זיך אריין דורכן פענצטער.
איבער מיר שטייט בייז אַ וועכטער.

אין די פינצטערע שויסן פון די בערג שמייכלט וויסט דער ים.
פיאָרדן.
זון און נעפל. ווייסע נעכט, ווי טעג, וואָס זענען געשטאָרבן.
נאָרדן.

אינדרויסן ווינט און איינזאַמקייט.
די שיף וויגט זיך באַפּאַנט און באַלויכטן. וואַלצער.
פּאָרלעך שפּאַצירן גליקלעך אויפן דעק.
אָ גאָט, איך בין די מויז, וואָס נאָגט איר גליק מיט שרעק.

אָ גאָט, די וועלט איז שיין און וואונדערבאַר.
מיך טראָגט אַ שיקזאַל אַ קראַנקן אין די פיאָרדן.
מיין טאָג איז בלאַס, ווי אַ ווייסע נאַכט אין נאָרדן.
און איך בין אַ נאַר.

לידער פון יאַפּאַן

א י י ב י ק י י ט

אין טעמפּל.
די אומענדלעכע גאָטהייט
זיצט צווישן צוויי לאָטאָס-בלומען.
צוויי פּאַפּירענע לאמפּיאָנען
לייכטן איר צוקאָפּנס.
די אומענדלעכע גאָטהייט
שלאָפט אוים די אייביקייט
אויפן שטח צווישן צוויי
לאָטאָס-בלומען.
אַ קליינע יאַפּאַנערין
אין אַ בלוי-זיידענע קימאָנע
היפּט צו ווי אַ שמעטערלינג
צו דער שלאָפנדיקער אייביקייט.
זי בוקט זיך דריי מאָל
די קליינע יאַפּאַנערין.
פּאַטשט דריי מאָל מיט די הענט.
די קליינע יאַפּאַנערין
וועקט די אומענדלעכע גאָטהייט
פון איר וועלט-שלאָף.

י. י. טרונק

אין לוסט־הויז

די לאמפיאָנען לייכטן טונקל.

אויפן ראַנד פונעם לוסט-הויז
זיצן די יאַפּאַנערינס
ווי לייכטע לעבעדיקע בלומען.
זיי בוקן זיך טיף צו מיר
און לאַכן.
לאַכן שטיל און באַשיידן.

די לאמפיאָנען לייכטן טונקל.

די קליינע יאַפּאַנערין
טוט מיר אָן
אַ בלויע געבלימלטע קימאָנע.
זי בוקט זיך טיף צו מיר,
די קליינע יאַפּאַנערין,
און לאַדט מיך איין
אויפן געלעגער פון דער ליבע.
ווען כ׳האָב זי געליבט —
שטייט זי אויף פון געלעגער —
זי בוקט זיך טיף צו מיר
ווי צו אַ גאָט.

די לאמפיאָנען לייכטן טונקל.

וויין־ליד

בראָט מיר דאָס רויטלעכע פלייש
אויף דער גליאיקער קוילן־פאַן,
אָ קליינע סו־זו־קי!
באַשיט דאָס פלייש מיט איידעלע געווירצן. —
דער בשמיקער רויך דאַמפט אין מיינע נאָזלעכער.
דיינע טונקעלע אויגן שמייכלען טיף
און שיף.
דיינע קליינע הענט באַוועגן זיך
איבער דער רויט־צעגליטער קוילן־פאַן.

דערלאַנג מיר, סו־זו־קי, דעם רייז־וויין
אין דער שטילער וואונדערלעכער שאָל.
גענען דאָס געטראַנק צו מיינע ליפן
ווי דעם זוים פון אַ חלום.
דיינע טונקעלע אויגן שמייכלען טיף
און שיף.

ליבע

פאַרן פענצטער בליט די קאַרשן־צווייג.
אויפן שוואַרץ־זיידענעם קישן ליגט
די שאַרפע שווערד.

פאַרן פענצטער בליט די קאַרשן־צווייג.
אין די מילד־בלויע הימלען
ווייסט זיך אין שניי
דער אָפּהאַנג פון פודזשי־סאַן.

איבער די וואַסערן פליט דער פויגל.
סו־זו־קי שטייט אויפן בריקל
קוקט אים נאָך.
פעכערט זיך מיט אַ פעכער.

געבעט

דיינע שוואַרצע האָר
טורעמען זיך הויך
ווי די טעמפּלען פון דער נאַכט.

אין געבעט
האַלסטו צו די אויגן
און דיין פּנים איז בלייך
ווי דער טאָג פון טרויער.

פון דער וואַזע
דיר צופוסנס
הייבן זיך אַרויס
צוויי בלאַסע כריזאַנטעמען
ווי געשטאָרבענע זונען.

וועלט-שאָטן

די שיף הייסט טאַטוטאַ-מארו.
איבערן ים ווילדעוועט דער טייפון.
די יאַפּאַנער
צימבלען אויף גיטאַרעס.
אין אַ טונקעלן ווינקל שטייט אַ ייד
געהילט אין טלית און תפילין,
שאָקלט זיך און דאַוונט.
די שיף הייסט טאַטוטא-מארו.
איבערן ים ווילדעוועט דער טייפון.
די יאַפּאַנער
צימבלען אויף גיטאַרעס.

מאַנגאָ־פּרוכט

בודא האָט פאַרגליכן די חכמה
צו דעם טעם פון דער מאַנגאָ־פרוכט.
ווען כ׳האָב פאַרזוכט
די מאַנגאָ־פרוכט
האָב איך געהאַט אויף מיין צונג
דעם זיסלעכן טעם
פון דער וועלט־חכמה.

אין דעם פלייש פון אַנאַנאַס
האָב איך געפילט
די רויטלעכע פעלדער פון מזרח
און זיינע טונקעלע הימלען —
און אין דער באַנאַנע —
דעם שטילן טרויער פון דער וועלט.

***

צום טעמפּל פון דער גאָטהייט
פירט אַן אַלייע פון שטיינערנע לאַמטערן.
די וועגן צו דער דערקענטעניש
זיינען פאַרהוילן.

דער כּוהן טראָגט אַ זיידענעם אָרנאַט.
ער זיצט פאַר דער גאָטהייט
און פּויקט אויף אַ פּויק —
דער חכם ווייסט נישט
ווי צו רעדן צו דער דערקענטעניש
און דאָס געוואַנט אויף זיין לייב
איז צעריסן.

איינזאַמקייטס־לידער

וועלט־געפיל

פינצטער שוועבט די שוועסטער נאַכט.
איינזאַם רוט דער ברודער שטיין
אויפן פעלד.
כ׳בין נישט אַליין
אין דער וועלט.
גלעט מיך די פינצטערע נאַכט,
טרייסט מיך דער איינזאַמער שטיין,
ביסט נישט אַליין
אין דער וועלט.

ברודער בלאַט אויפן בוים.
שוועסטער בלום אויפן פעלד.
כ׳בין נישט אַליין
אין דער וועלט.
פליסטערט דער בלאַט אויפן בוים,
שמעקט די בלום אויפן פעלד:
ביסט נישט אַליין
אין דער וועלט.

בעטלער־ליד

כ׳שטיי אויף אַ הויף אין בונטע אָפּגעריסענע טריקאָטן —
דריי אַ הייזעריקע קאַטערינקע.
קוק־אַרויף צו די פענצטער.
זינג אַ ליד —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
מיין אייגענער לייבלעכער שאָטן
שטייט ביי אַן אָפּן פענצטער,
ווי דער מאַנספאַרשוין דער שענסטער,
אין זיידנס און אין שמינקע —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ׳פאַרברעך די הענט —
ער האָט מיך דערקענט —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

איך בין אַלט און קראַנק —
הויט און ביין.
מיין שאָטן יונג און שלאַנק,
עלעגאַנט און פיין —
אין אַ צילינדער אין אַ שוואַרצן —
הערט-צו מיין געזאַנג,
הערט-צו מיין געזאַנג.
מיר איז טרויעריק אויפן האַרצן —
כ'זינג אַ ליד
פון טויטע און פון בלומען.
כ'זינג אַ ליד
פון אַ מענטש, וואָס גייט אין אַן אייביקער נאַכט
און ווערט נישט מיד —

אַ מענטש, וואָס טראַכט און טראַכט
און ווערט נישט מיד.
איז אין ערגעץ נישט דערקומען —
האָט זיך צו גאָר נישט דערטראַכט —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
כ׳שטרעק־אויס בעטלדיק די האַנט.
מיין שאָטן פרעך און עלעגאַנט
ווינקט צו מיר און לאַכט —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ׳פאַרברעך די הענט —
ער האָט מיך דערקענט —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ׳בין דער זינגער אויפן הויף,
אַ בעטלער אין פּאַיאַצישע טריקאָטן.
איך קוק צו אים אַרויף,
צו מיין שאָטן —
און זינג, און זינג:

פון מאַמעס, וואָס ליגן אין דער ערד פאַרשאַרט,
פון האָפענונגען, וואָס האָבן גענאַרט,
פון יאָרן, וואָס האָבן זיך נישט דערוואַרט,
פון ליפּן, וואָס האָבן געגאַרט,
פון אויגן, וואָס האָבן געזוכט, געזוכט,
זיך אַנטוישט — און געפלוכט
און ווי וואַלד־פלעמלעך זיך פאַרלאָשן...
האָפּ, האָפּ,
כ'טאַנץ און שאָקל מיטן קאָפּ —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.
מיין שאָטן פרעך און עלעגאַנט
בויגט זיך אַריבער דעם פענצטער־ראַנד
און וואַרפט מיר אַראָפּ
גוטהאַרציק אַ גראָשן —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

כ'פאַרברעך די הענט —
ער האָט מיך דערקענט —
טראַ־לאַ־לאַ, טראַ־לאַ־לאַ.

צו אַ נעגערין

שוואַרץ מיידל, אויף דיין פּנים וואַרט די נאַכט.
אין מיין האַרץ וואַרט די ליבע.
קום מיט מיר אונטערן פּאַלמען־בוים.

אין שאָטן פון דיין ווילדן גאָט
טאַנץ פאַר מיר.
עס טאַנצט די נאַכט.
אויף דיינע וואונדערלעכע הענט
לייכטן
אין דער גאָלדענער זון
די פינצטערקייטן
פון דער וועלט.

פאַר מיר איז גענוג

דער גאָרטן שטייט אין פולן צווית.
פאַר מיר איז גענוג
אַ בלימל אין טעפּל וואַסער.
די לבנה לייכט אויף די דעכער.
פאַר מיר איז גענוג
אַ ליכטל פאַר אַ גראָשן.

געזאַנגען פון אומשטערבלעכקייט!
פאַר מיר איז גענוג
דאָס בלאַסקייט פון תכריכים.
געזאַנגען פון ליבשאַפט!
פאַר מיר איז גענוג
אַ קלאַפּ אין מיין פענצטער.

פאַרלעש דעם לאַמטערן אין דיין האַנט...

אין די שענקן
זיצן טרינקער ביים ווייַן.
אין די איינזאַמקייטן
זיצן חכמים.
וואוהין זאָל איך גיין?

פאַרלעש דעם לאַמטערן
אין דיין האַנט,
אַ ברודער.
די פינצטער ווייסט בעסער דעם וועג.

אין דער נאַכט
רוישט אַ בוים אויף אַ קבר.
אין דער נאַכט
וויינט אַ ווייב אין באַגערן.
וואוהין זאָל איך גיין?

פאַרלעש דעם לאַמטערן
אין דיין האַנט,
אַ ברודער.
די פינצטער ווייסט בעסער דעם וועג.

לידער וועגן טויט

טרינק־ליד

אויף אַ בריק פון גאָלד און בלויען פּאָרצעליין
שטייט אַ שאָטן העל און שלאַנק,
מאַכט מיט די ליפּן ווי צום געזאַנג,
האַלט אַ בעכער מיט געטראַנק.
עס זאָגט דער שאָטן אויפן בלויען פּאָרצעליין:
דו מוזט היינט פריילעך זיין,
טרינק וויין!

אַ וואונדערשיינער שאָטן אויפן בלויען פּאָרצעליין
הייסט מיך פריילעך זיין.

קילער אָוונט פֿאַלט־צו. דער שאָטן ווינקט און הויבט העכער
דעם בלוי־גילדערנעם בעכער.
ס'טונקלט רוי דער הימל. איך ציטער. האָב מוט, —
ווינקט דער שאָטן, — קום, מיין ווין איז זיס און גוט,
פֿון אַלע זומערס האָב איך אויסגעקעלטערט ס'בלוט.
אַ האָן קרייט אויף די דעכער.

אַ וואונדערשיינער שאָטן אויפֿן בלויען פּאַרצעליין
הייסט מיך פֿריילעך זיין.

איך גיי־צו נענטער. זאַכט
וויקלט זיך אַרויס אַ האַנט אַ ווייסע, צאַרט און לאַנג,
טוט מיר דעם וואונדערלעכן געטראַנק אַ דערלאַנג
און לעשט זיך אויס ווי נעפּל. אַלץ לעשט זיך אויס אין נעפּל.
ס'איז גאָרנישט. אויפֿן דאַך קרייט דער האָן.
דער טויט האָט מיך צום נאַר געמאַכט,
דאַן האָט ער געלאַכט.

אַ וואונדערשיינער שאָטן אויפֿן בלויען פּאַרצעליין
הייסט מיך פֿריילעך זיין.

וויג־ליד

נאַכט.
אין אַ טויטנבעט
לייג איך מיך צו רו.
העסלעכער סקעלעט
זעצט זיך צו מיר צו,
שטשירעט־אוים די ציין,
וויגט מיך צו און לאַכט.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אוים מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

צי נאָר איין די פים,
דרימל־איין אין שלאָף.
ס'האַלט מיט דיר ביים סוף —
טויט איז שטיל און זים.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

כ'זיץ ביי דיר און וואַך —
האָסט נישט מער צו האָפן.
ס'רופט דער טויט דיך שלאָפן.
ס'טונקלען זיך די קברים.
ס'וואַרט אויף דיר דער וואָרים.
כ'וויג דיך צו און לאַך.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

ווי אַ מאַמע ס׳קינד
טוט מיך טויט אַ גלעט,
גלעט מיך דער סקעלעט.
טראָגט מען ס׳שוואַרצע ברעט.

אין קוימען וויינט דער ווינט.

וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.
זינג מיר אויס מיין ליד.
איך בין אַלט און מיד.
וויג מיך, וויג מיך צו,
העסלעכער סקעלעט.

טויטע

איך קען טויטע —
זיי קאָנען נישט אַנטשלאָפן ווערן
דעם אייביקן שלאָף.
זיי ליגן אויפן בעט
ווי אויף אַ וועג פון אומגעשטילטן האָפן.

דאָרט האָט זיי געטראָפן
דער טויט ווי אַ דעמאָן.
זיי זיינען אַלט געוואָרן אינם טויט
און ליגן
געלע ווי וואַקס.
זייערע מיילער
זיינען צעקרימט און אָפן
און פינצטער
ווי זיי וואָלטן שטומע
געשריגן
און געמאָנט פאַרגעלטונג
פאַרן בזיון צו שטאַרבן.

איך קען טויטע —
זיי ליגן אין די בעטן
ווי רואיקע געטער אויף טראָנען.
זיי זיינען בלאַס
ווי אייביקייט.
אַרום זיי איז שטילקייט.
זיי קוקן מיט קילקייט
פון אייביקער חכמה.
זיי ווייסן פון אַלעם
נאָר ווילן זיך גאָרנישט דערמאָנען.

לידער פון שטאַרבן

דער טויט האָט מיר געזוכט...

דער טויט האָט מיך געזוכט טיף אין דער פינצטערער ערד
און העכער
אין די שנייען פון די בערג.
דער טויט האָט מיך געזוכט ביי די גאָלדענע בעכער
פון פאַרשווערער
פול מיט פאַרסמטן וויין.
דער טויט האָט מיך געזוכט אויף די מערק
וואו קלאָונס לאַכן
דאָס מענטשלעכע געוויין.
דער טויט האָט מיך געזוכט מיט זיין שווערד.

דער טויט האָט מיך געזוכט אויף אויפגעברויזטע ים'ען.
דער טויט האָט מיך געזוכט אין פייכטע טונקעלע וועלדער
און אין וויסטע נעכט אויף מיין בעט.
דער טויט האָט מיך געזוכט אין די פלאַמען
פון צעברענטע שטעט.

.2

ווען כ׳בין געגאַנגען שטאַרבן

ווען כ׳בין געגאַנגען שטאַרבן
בין איך געלעגן אַליין.
אויפן טיש איז געשטאַנען
אַ בעכער מיט וויין.
כ׳האָב גאָרנישט געוואָלט.
כ׳גיי שטאַרבן.

ווען כ׳בין געגאַנגען שטאַרבן
האָט געקלאַפּט ביי דער טיר.
אפשר אַן איינזאַמע פרוי.
כ׳וויל גאָר נישט פון איר.
כ׳גיי שטאַרבן.

אַ מענטש וואָס גייט שטאַרבן
האָט אַלצדינג אין זיך,
די וועלט און די וועלטן,
דעם וויין און די ליבע —
אַ מענטש, וואָס גייט שטאַרבן.

.3

אַז כ'בין געשטאָרבן

אַז כ'בין געשטאָרבן
זיינען מיט מיר מיטגעשטאָרבן מיינע טרויעריקייטן.
די בלאַסקייט פון דעם אומענדלעכן
האָט זיך אויסגעלייגט אויף מיין פּנים.
אַרום מיר האָט גערוט
די רואיקייט.

ערשט אין קבר —
אין דער פינצטערניש —
האָב איך אויסגעזאָגט
דעם אמת פון מיין זיין.

איך בין צעפאַלן.
מיין צעפאַלנקייט
האָט זיך אויסגעמישט מיט פינצטערניש,
מיט ערד.
פון מיין פּנים איז אַראָפּ די הויט
ווי אַ מאַסקע נאָכן מאַסקנבאַל.

מיין טויטנקאָפּ האָט געגרינזט
אין דער פינצטערקייט.
אין דער אייביקייט אַריין האָב איך אַרויסגעלאַכט
דאָס געלעכטער פון מיין גורל.

וועלט־סוף

אין די טונקל-טריבע הימלען גליט די זון —
אַן אויסגעפלאַקערטער קין.
אַלע ווייטקייטן זענען איינגעשרומפּן.
דער שטאַרקער לייב ברומט ווי אַ שוואַכע בין.
דער הויכער העלפאַנט —
איז סך-הכל אַזוי גרויס ווי אַ שפּין.
און ווער איז דער לעצטער מענטש?
ווער איז דער לעצטער האַר פון דער וועלט?
אַ ייד.

די העכסטעביימער זענען קליין
ווי דאָס נידעריקסטע גראָז.
די וועלט — אין לעצטן בין-השמשות.
די וועלט איז קאַלט און וויס.
די שיינע בלומען, די זוניקע זומערס —
פאַרוואַנדלט אין אייז.
אַלע שיינקייטן
זענען אויסגעגאַנגען.
אַלע קלוגשאַפטן —
האַפּענונגסלאָז.

און ווער איז דער לעצטער מענטש? ווער איז דער
לעצטער האַר פון דער וועלט?
אַ ייד.

אין די טונקעלע הימלען די זון — קוים זי גליט.
אָ, די קלוגע וועלט איז אַלט און מיד.
די קלוגע וועלט איז שוואַכזיניק —
די קלוגע וועלט ווייסט נישט, ווען טאָג און ווען נאַכט.
אויף די וועלט־שנייען רופט אַ קול:
צייט צו שטאַרבן! צייט צו שטאַרבן!
אַלע מלכים און אַלע חכמים
זענען געקומען און האָבן געבראַכט
די קרוינען און די חכמה.
רעזיגנירט — און שטיל געשטאָרבן.
שטיל געשטאָרבן.
זייער טרויער־ליד
האָט אַרויסגעלאַכט
אַ לעצטער ייד.

די אומעטיקע וועלט מאַכט חשבון.
ס'האָט זיך גענומען וועקן
אין איר ס'געוויסן.
עס האָט געטון אַ קלונג.
אומהיימלעך האָט אַ בלאָז־געטון אַ שופר.
פון דער וועלט'ס טונקעלע עקן
איז פּאַמעלעך געקומען צו גיין
אַ ייד מיט אַ שטעקן.

אין די הימלען גליט פויל די זון —
אַן אויסגעפלאַקערטער קין.
עס קומט־צו־גיין דער לעצטער ייד.
אַ גראָער איינגעהויקערטער ייד,
און לייגט־אויס פאַר דער וועלט
זיין אייביקע סחורה:

פון אַלע ווירקלעכקייטן ברענגט ער — די אומדערגרייכטע טרוימען.
פון אַלע וועלטן ברענגט ער אַהער די פּוסטע רוימען —
און דעם שיטערן רויך ברענגט ער אַהער פון קוימען.
אין דעם לעצטן טאָג האָט דער לעצטער ייִד
אויסגעשטעלט דעם לעצטן יאַריד.

און ער זאָגט:
דאָס שפּיל איז צו ענד —
צו ענד די ליידן און פרײדן.
מיר מוזן זיך שיידן.
און עס גיט אַ צימבל אויף זיין שטעקן
דער לעצטער ייִד פון דעם לעצטן יאַריד
און זינגט דאָס לעצטע ליד:
„פון אייך אַלעמען, פון אייך אַלעמען —
פעלקער, מלכים, פילאָזאָפן,
האָט מיך דער לעצטער וועלט־טאָג אַמווינציקסטן געטראָפן.
אַפילו די פינצטערע זון
האָט מיך פון דאַנען נישט פאַרטריבן.
איך האָב געהאַנדלט מיט גאָרנישט —
ביים גאָרנישט בין איך פאַרבליבן.

איר האָט נאָכגעיאָגט די וועלט —
איך בין פון איר אַנטלאָפן.
איר האָט געהאַפּט און געגלויבט —
איך האָב נישט געגלויבט אין האָפן.
נו, האָט איר קלאָמפּערשט דערגרייכט אייערע פאַרלאַנגען?...
איך בין אין ערגעץ נישט דערגאַנגען.״

דאַן האָט דער ייד זיך אָנגעטון טלית און תפילין
און געטון דעם לעצטן זיפץ פון דער וועלט —
אַ זיפץ גאָר אַ שטילן.
דאַן האָט דער ייד אַ וואָרף-געטון דער וועלט זיין לעצטן
גראָשן —
און זי האָט זיך פאַרלאָשן.

אינהאלט

נעזאָנג צו די מוזעס 7

ליבע־לידער .... 9—35

וועלט־לידער .... 37—100

איינזאַמקייטס־לידער .... 101—109

לידער וועגן טויט .... 110—120

וועלט־סוף .... 121—126

ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור. נאָוועלן. (פאַרלאַג גיטלין, וואַרשע.)
פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען. (פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע.)
מידע. נאָוועלן. (פאַרלאַג פנחס גראַאובאַרד, וואַרשע.)
אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

צווישן ווילן און אַנמערטיקייט (ת. ד. נאַמבערג). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.))

יאַסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

נאָענט און פרעמד. עסיים. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)
שלום עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)

וועלט־חשבון (פּראָזע און לידער וועגן דער וועלט).
סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע.)
טביה און מנחם־מענדל אין יידישן וועלט־גורל. (פאַרלאַג „ציקאָ", ניו־יאָרק.)

פּוילן (זכרונות און בילדער). ערשט בוך. פאַרלאַג מעדעם־קלוב, ניו־יאָרק, נ. י.